# 52 Appeal to Collect Materials About the World War

## ב. אויפרוף

הײַנט, נומ' 292, 19 דעקאבער (1טן יאנואר, 1915) 1914.

מיר לעבן איבער אן אומגעהײַער וויכטיקן היסטארישן מאמענט, וואס האט זײַן גלײַכן נישט אין דער ביזאיצטיקער וועלט־געשיכטע.

מיט וואס דער קריג, וואס מיר לעבן איבער, זאל זיך נישט ענדיקן — אן איבערקער־רעניש וועט געשען אינעם לעבן פון מענטשן און פעלקער, אזוי אין עקאנאמיש־פאליטישן, ווי אין גײַסטיקן זין. איבערגרוקן וועלן זיך גרענעצן פון לענדער. עס וועלן זיך אויך גרינטלעך ענדערן די וועלט־אנשויונגען — אזוי די אינטערעסן ווי די אידעאלן פון פעלקער. פיל וועט אײַנגעריסן ווערן, פיל — נײַ געבויט; פיל אויס־ און פיל אײַנגעוואָרצלט; נײַע לעבנס־פארמען שפראצן פון פעלדער, וואס ווערן אזוי רײַך מיט בלוט געטרענקט.

מיר לעבן דורך אן אומגעהײַער שמערצלעכן וועלטפראצעס, ווען דאס לעבן פון מענטש, דאס לעבן פון הונדערטער טויזנטער באקומט דעם ווערט פון א שטויב, וואס פאלט אויף א שאל פון דער גיגאנטן־וואג, אויף וועלכער עס וועגן זיך די געשיכטן פון פעלקער און ראסן.

א גרויסער טייל פון אונדזער פאלק האט ערשט נישט לאנג שמערצלעך דורכגעמאכט דעם קריג פון די באלקאנישע פעלקער. איצט איז אַרײַנגעריסן געווארן אין א וועלטקריג די צווייטע, פיל גרעסערע העלפט פון אונדזער פאלק.

יעדער טראפן פון דעם פארגאסענעם בלוט, יעדע אפגעריסענע טרער, יעדע פײַן און אויפאפערונג דארף און מוז אויפגעשטעלט ווערן אויף אונדזער געשיכטלעכער קאנטע. ווער עס זייט בלוט, האט רעכט אויף שניט!

מיר מוזן ווערן די היסטאריקער פון אונדזער טייל אינעם פראצעס. מיר, דו, וואס לעבן איצט און דערבײַ מוזן [מיר] באהאלטן פאר דער נאענטסטער און ווײַטסטער צוקונפט יעדן צייכן וואס דער היסטארישער פראצעס קריצט אויס אויף אונדזער פאלק.

אויב נישט בלײַבט אונדזער קאנטע לער, קומט אונדז בײַ קיינעם און בײַ דער געשיכטע גארנישט, ווערט אונדזער נאמען אויסגעמעקט פון דעם בלאט, ווו די וועלט פארשרײַבט איר פײַנלעך שמערצלעכן פראצעס אלס שײַן און טיטל אויף בעסערע צײַטן . . .

און דאס איז נאך נישט אין גאנצן.

ערגער איז וואס אנדערע וועלן פאר אונדז און אין אונדזער נאמען שרײַבן, פרעמדע! און צווישן די פרעמדע האבן מיר אזוי ווייניק פרײַנד. און אונדזערע פײַנט שרעקן זיך פאר גארנישט אפ! קיין מיטל, וואס זאל נישט פארהייליקט ווערן פון ציל — צו באשמוציקן דעם יידישן נאמען. און נישט נאר וואס אונדזער שײַן און טיטל אויף רעכט און גערעכטיקייט וועט אויף לאנגע, לאנגע צײַטן ווערן פארניכטעט און פארטיליקט, — אויף אלע כּלים וועט ארבעטן די פאבריק פון פעלשונגען און אויסטראכטונגען און די אוממעגלעכסטע בילבולים. און שוואַרץ וועט זײַן דאס בלאט פון אונדזער קאנטע אין דעם גרויסן פראצעס. און ווייניק נאך וואס אונדזער בלוט וועט פאר אונדז אומניצלעך ווערן פארגאסן, וואס אונדזערע טרערן וועלן פליסן, אין פינצטער, אין פארגעסנקייט ארײַן פארפליסן. א נײַעם באשולדיקונגס־אקט וועט מען פאר אונדז שרײַבן, און פון אונדזערע לייד, פײַן און אויפאפערונגען א נײַעם יאך פלעכטן אויף אונדזער האלדז און נײַע קייטן שמידן פאר אונדזערע פיס.

און וועט קומען א פרײַנד, וואס וועט אונדז וועלן פארטיידיקן, וואס וועט וועלן אנטפלעקן דאס וואָרהאפטיקע, וועט ער קיין מאטעריאל נישט געפינען די וואָרהייט אויסצופלעכטן.

1) universal

We are living through an extraordinarily important historical moment without precedent in world history.

No matter how the war we are now living through may end, it will bring about an upheaval in the life of people and nations, both in the economic-political and spiritual sense. Boundaries of countries will be redrawn. Worldviews will be fundamentally altered, whether in terms of the interests or ideals of nations. Much will be destroyed and much rebuilt; much will be uprooted and much will take root. New life forms sprout from the very fields that are being so well irrigated with blood.

We are living through an extraordinarily painful global process in which the life of man, the life of hundreds of thousands is reduced to a speck of dust that falls onto one side of the gargantuan scale that weighs the histories of nations and races.

2) particular

A large proportion of our people has just recently suffered through the war of the Balkan nations. Now a second, even larger proportion has been dragged into a world war.

Each drop of our shed blood, each tear, each act of suffering and sacrifice must be entered into our historical account. Whoever sows blood has the right to reap!

We must become the historians of our part in the process. We and you who are living through this now must put away for the near and distant future each sign that the historical process inscribes upon our people. Otherwise our account will be empty, and neither people nor history will owe us anything, and our name will be erased from the page on which the world records its terrible and painful process as entitlement for better times. . . .

And that is not all.

Worse still is that others—total strangers—will write for us and in our names! And among those strangers we have so few friends. And our enemies will stop at nothing: no means that won't justify the end of blackening the Jewish name. And not merely will our entitlement to rights and to righteousness be obliterated for a long, long time to come, but the factory of lies and fabrications and the wildest accusations will be working overtime. And our page in the account of this great process will be black. Not only will our spilled blood be of no use to us at all, and our tears flow in the darkness and run into oblivion, but they [our enemies] will draw up a new bill of indictment against us, and out of our pain, suffering and sacrifice a new yoke will be woven around our necks and new chains forged for our feet.

And when a friend appears who will want to defend us, who will want to reveal the truth, he will lack for material with which to flesh out the truth.

װײ דעם פֿאָלק, װאָס פֿרעמדע הענט שרײַבן זײַן געשיכטע, און פֿאַר זײַנע שרײַבער בלײַבט נאָר דאָס שפּעטערע פֿאַרפֿאַסן פֿון קלאָגלידער, סליחות און קינות.

דערום װענדן מיר זיך צו אונדזער פֿאָלק, װאָס איז און װערט אַלץ מער און שמערצ־לעכער אַרײַנגעריסן אינעם װעלטפּראָצעס, צו אַלע פֿון אונדזער פֿאָלק, מאַן און פֿרױ, יונג און אַלט, װאָס לעבט און לײַדט און זעט און הערט — מיט דעם אױפֿרוף:

**װערט אַלײן היסטאָריקער! פֿאַרלאָזט אײַך נישט אױף פֿרעמדע הענט!**

פֿאַרשרײַבט, פֿאַרצײכנט און זאַמלט!

זעט, עס זאָל גאָרנישט פֿאַרלױרן, פֿאַרפֿאַלן און פֿאַרגעסן װערן פֿון דעם אַלעם, װאָס אין אונדזער לעבן געשעט דורך און צוליב דעם קריג.

אַלע איבערקערענישן, אַלע אָפּפֿער, אַלע לײדן, אַלע אױסצײכענונגען, אַלע פֿאַקטן, װאָס װאַרפֿן אַ שײַן אױף דער באַציִונג פֿון ייִדן צום קריג, פֿון אַנדערע צו אונדז. אַלע שאָדנס, אַלע צדקות — מיט אײן װאָרט, אַלץ פֿאַרשרײַבט און פֿאַרצײכנט, װיסנדיק דערבײַ, אַז איר זאַמלט ניצלעך און נײטיק מאַטעריאַל צום אױפֿבױ פֿון דער ייִדישער געשיכטע פֿאַר דעם שרעקלעך־פֿײַנלעך־װיכטיקן, לעבנס־װיכטיקן מאָמענט. װאָס פֿאַרצײכנט זאָל װערן פֿאַר־צײכנט, װאָס עס קען פֿאָטאָגראַפֿירט װערן זאָל װערן פֿאָטאָגראַפֿירט. זאַכן־עדות זאָלן װערן געזאַמלט, און דאָס אַלץ איבערגעשיקט (װען נײטיק — קעגן באַלױן) צו דער ייִדישער עטנאָ־גראַפֿישער געזעלשאַפֿט אין פּעטראָגראַד,* דירעקט, דורך אַ ייִדישער רעדאַקציע — אָדער דורך אײנעם פֿון די אונטערגעשריבענע.

מיר האָפֿן, אַז אונדזער אױפֿרוף װעט נישט זײַן װי אַ שטימע אין דער װיסטעניש, נאָר געפֿינען אַ געטרײַען אָפּקלאַנג אין יעדן ייִדישן האַרץ, און ער װעט אַרױסרופֿן די טעטיקײט, אױף װעלכער עס איז נאָר צו האָפֿן.

י. ל. פּרץ
(װאַרשע, אַלעיע יעראָזאָלימסקע 83)
יעקבֿ דינעזאָן
(װאַרשע, מילע 15)
ש. אַנסקי־ראַפּאָפּאָרט **

צונױפֿגעקליבן פֿון ד. אַ.

---

* Петроград, Васильевский Остров, 5ая Линия 50, Еврейской Этнографической Экспедиции.

** אַנדערע צײַטונגען װערן געבעטן דעם אױפֿרוף איבערצודרוקן.

Woe to the people whose history is written by strange hands and whose own writers have nothing left but to compose songs of lament, prayers and dirges after the fact.

Therefore, we turn to our people that is now and evermore being dragged into the global maelstrom, to all members of our people, men and women, young and old, who live and suffer and see and hear, with the following appeal:

BECOME HISTORIANS YOURSELVES! DON'T DEPEND ON THE HANDS OF STRANGERS!

Record, take it down, and collect!

See to it that nothing is lost or forgotten of all that happens in our life during and because of the war: all the upheaval, the sacrifice, the suffering, the acts of valor, all the facts that illuminate the attitude of Jews to the war and of others toward us; all the losses and ~~philanthropic efforts~~—in short, record everything, knowing thereby that you are collecting useful and necessary material for the reconstruction of Jewish history during this horribly important and vitally important moment. Whatever can be recorded should be recorded, and whatever can be photographed should be photographed. *Material evidence* should be collected, and all this should be sent (C.O.D., if necessary) to the Jewish Ethnographic Society in Petrograd [address supplied in Cyrillic letters], either directly, through a Jewish newspaper or through one of the undersigned.

We hope that our appeal will not be a call in the wilderness but will resound within every Jewish heart and that it will awaken the activity that can only be hoped for.

I. L. Peretz
(Warsaw, aleje Jerozolimskie 83)
Yankev Dinezon
(Warsaw, Mila 15)
S. Ansky-Rapoport

[Published in the Warsaw Yiddish daily *Haynt*, January 1, 1915]